לזכר נשמת

הרה"ח וכו' מלאכתו מלאכת שמים

התמים ר' **יהושע זעליג הכהן** ע"ה

בן הרה"ח ר' **משה זלמן הכהן** ע"ה

**כצמאן**

נפטר ח"י אדר **ה'** שנת **נח"ת**

**ת.נ.צ.ב.ה.**

•

נדפס ע"י משפחתו שיחיו

כתובתנו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

•

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

**שניאורסאהן**

**מלובאוויטש**

## פ' פרה

יוצא לאור על ידי מערכת

**"אוצר החסידים"**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות וששים לבריאה

יובל שנים לנשיאות כ"ק אדמו"ר מה"מ

# פ׳ פרה

א. עס שטייט אין ירושלמי[1]: „בדין הוא שתקדים החודש לפרה, שבאחד בניסן הוקם המשכן ובשני נשרפה הפרה, ולמה פרה קודמת שהיא טהרתן של כל ישראל". דאָס הייסט, אַז פריער לייענט מען פרשת פרה „להזהיר את ישראל לטהר, שיעשו פסחיהן בטהרה"[2], און דערנאָך — פרשת החודש, „ששם פרשת הפסח"[2].

פון לשון הירושלמי „שהיא טהרתן של כל[3] ישראל" איז מוכח, אַז די טהרה פון פרה אדומה איז נוגע צו אַלע אידן. אַזוי איז אויך מובן פון דעם תוכן הענין דאָרט, אַז מ'האָט מתקן געווען אַז מ'זאָל לייענען פ׳ פרה — וואָס די תקנת הקריאה איז פאַר אַלע אידן — פריער פון פ׳ החודש (כאָטש אַז „בדין הוא שתקדים החודש לפרה"), מצד דעם טעם „שהיא (פרה) טהרתן של כל ישראל".

וצריך ביאור נוסף והמתקת הענין: אַז מען דאַרף זיך מטהר זיין פון טומאת מת איידער מ'ברענגט דעם קרבן פסח, איז נוגע נאָר צו די וואָס זיינען טמאי מת, אָבער ניט צו „כל ישראל"; ואדרבה — ווען רוב אידן זיינען טמאי מתים, דאַרף מען ניט אָנקומען צו פרה (וטהרתן של ישראל) אַז זיי זאָלן קענען ברענגען דעם קרבן פסח, ווייל אַ ציבור[4] ברענגט דעם קרבן פסח (אויך[5]) בטומאה — היינט פאַרוואָס דאַרפן אַלע אידן (וואָס נמשכין נאָכ'ן רוב, ניט נאָכ'ן מיעוט) מקדים זיין (קריאת פ׳) „פרה" פאַר „החודש" מצד דעם וואָס „היא טהרתן של כל ישראל"[6], און ניט החודש פריער פאַר פרה (ווי עס דאַרף זיין „בדין")?

מוז מען זאָגן (בפנימיות הענינים), אַז דאָס וואָס פרה איז „טהרתן של כל ישראל" מיינט ניט נאָר די טהרה כפשוטה (פון טומאת מת בפשטות), נאָר אַזאַ טהרה וואָס „כל ישראל" דאַרפן אָנקומען צו איר, אין וואָס פאַר אַ מצב זיי זאָלן נאָר זיין, און דאָס דוקא גרייט זיי צו צום ענין פון „החודש" (ופסח).

ב. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים, אַז מען געפינט אַ חידוש אין דער מצוה פון פרה אדומה:

דער רמב"ם זאָגט אין ספר המצות[7], אַז די מצוה פון פרה אדומה איז — „לעשות פרה אדומה כדי שיהי' אפרה מזומן למי[8] שיצטרך אליו לטהרת

---

1) מגילה פ"ג ה"ה. הובא ברי"ף ורש"י למגילה כט, א. ועוד.

2) פרש"י מגילה שם ד"ה פרה אדומה וד"ה ברביעית. וראה ס׳ הפרדס לרש"י „סדר פרשיות".

3) ברי"ף ורש"י שם (וכן בקה"ע ופני משה לירושלמי שם) ועוד — ליתא תיבת „כל". אבל בדפוסי ירושלמי לפנינו הוא כבפנים. — והעיקר: השאלה שבפנים היא בתוכן הענין, ולאו דוקא בדיוק הל׳ „כל", כדלקמן.

4) פסחים סו, סע"ב ואילך. שם עט, א ואילך. רמב"ם הל׳ קרבן פסח רפ"ז.

5) אע"פ שגם אז צריך להשתדל שיעשו בטהרה (כמו בנדו"ד שפרה נקראת קודם ר"ח שדי זמן להטהר) ובפרט למ"ד שטומאה הודחה בצבור (פסחים עז, א. יומא ו, ב. וש"נ).

6) בס׳ הפרדס שם מקשר זה דפרה קודמת מפני שהיא טהרתן של ישראל עם הא דחייב אדם לטהר את עצמו ברגל (ר"ה טז, ב) — אבל בפשטות, הענין דטהרתן של ישראל דפ׳ פרה הוא (לא ענין הטהרה (ברגל) בכלל, כ"א) רק טהרה מטומאת מת (וגם: החיוב לטהר עצמו ברגל אינו שייך לפסח דוקא). וראה לקמן בפנים סעיף ב׳ ובהערה 12. וראה לקו"ש חל"ו ע׳ 207 ואילך.

7) מ"ע קיג.

8) בתרגום העליר וקאפח שינויים בלשון (ולא





די קלאָרע אָפּלערנונג דערפון איז, אַז בשעת אידן זיינען אין גלות, צעשפּרייט און צעזייט צווישן די פעלקער, טאָר מען ח"ו ניט טראַכטן, אַז דורכדעם וואָס מ'וועט חלילה אויפגעבן די אידישע אַנדערשקייט און דעם אידישן לעבנס־וועג און נאָכטאָן די סביבה אַרום, וועט מען פאַרזיכערן דעם אייגענעם מצב און העלפן די געזעלשאַפט אין וועלכע מען לעבט. דער אמת איז פונקט פאַרקערט: אָפּהיטן די אידישע איינציקייט און אַנדערשקייט און דוקא דורך דתיהם שונות, פירן דעם טאָג־טעגלעכן לעבן אין איינקלאַנג מיט די אייביקע געזעצן און ווערטן פון דער תורה הקדושה — דאָס איז דער איינציקער וועג צו פאַרזיכערן דעם אידישן קיום, און אַגב אויך צו געווינען דעם צוטרוי און אַפּשיי מצד די פעלקער.

עס איז פאַרשטענדלעך, אַז כדי אָנצוהאַלטן די דערמאָנטע פולשטענדיגע אידישע זעלבסטשטענדיקייט בשעת מ'איז אַ קליינער מיעוט אין אַן איבער־וויגענדער און אָפט אומפריינטלעכער סביבה, פאָדערט זיך אַ שטאַרקייט פון כאַראַקטער ביז צו מסירת נפש, ווי דאָס איז געווען אין דער צייט פון פורים אַמאָל. דעריבער איז עס אַ לעבנס־וויטוענדיקייט אַנצוהויבן אַנטוויקלען דעם אמת אידישן גייסט פון דער פריסטער יוגנט אָן. און דאָס איז אויך די אויפגאַבע פון ישיבת תומכי־תמימים ליובאַוויטש אין מאָנטרעאַל — צו דערציען די תלמידים אין דעם גייסט ביז צו מסירת־נפש, זיי זאָלן זיין „תמימים" — גאַנצע אידן אין זייער קערפּערלעכן, גייסטיקן און נשמה־לעבן, וואָס אין דעם ליגט זייער אמת'ער גליק, במילא אויך דער גליק פאַר זייערע עלטערן, פאַר כלל ישראל און פאַר דער גאַנצער סביבה.

השם יתברך זאָל מצליח זיין די יערלעכע אונטערנעמונג בגשמיות וברוחניות גם יחד.

בברכה להצלחה בכל האמור
ולבשורות טובות

ב״ה, שושן־פורים, ה׳תשכ״ט
ברוקלין, נ. י.

צו דער 27־טער יערלעכער מסיבה פון די „נציבי הישיבה״ תומכי־תמימים ליו־באוויטש אין מאנטרעאל

ה׳ עליהם יחיו

שלום וברכה:

דער יערלעכער באנקעט פון ישיבת תומכי־תמימים, וואס קומט פאר געציילטע טעג נאך פורים, וועט זיכער אויך אפשפיגלען דעם גייסט פון פורים, וואס אייגנטלעך איז פאראן א ספעציעלע שייכות צווישן זיי.

המן׳ס גזירה איז געווען פארבונדן מיט דער טענה: ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים .. ודתיהם שונות מכל עם — „פאראן איין פאלק צעשפרייט און צעטיילט צווישן די פעלקער.. און זייערע געזעצן זיינען אנדערש פון יעדן פאלק״. המן האט געטענה׳ט, אז דאס וואס אידן זיינען אפגעזונדערט, מישן זיך ניט אויס אין דער ארומיגער געזעלשאפט, און האלטן זייערע אייגענע געזעצן, איז ניט גוט פאר דער מדינה און אויך ניט פאר די אידן.

ארויסגעוויזן האט זיך פונקט פארקערט: די ישועה איז געקומען ניט דורך ענדערן דעם כאראקטער און וועזן פון אידן און אידישן פאלק, נאר אדרבה, דוקא דורך פארשטארקען די אידישע אייניקייט און אנדערשקייט — דעם ישנו עם אחד און ודתיהם שונות. און דאס האט ניט נאר אויסגעהיט דעם אידישן פאלק, נאר האט אויך געבראכט א דערהויבונג צו אלע מדינות פון אחשורוש, ווען די אנפירערשאפט פון דער מדינה איז איבערגעגעבן געווארן אין די הענט פון מרדכי היהודי — דער איד וואס בויגט זיך ניט און בוקט זיך ניט (לא יכרע ולא ישתחוה).





טומאת מת״, אז די תכלית המצוה באַשטייט ניט (נאָר) אין נוצן דעם אפר בשעת הצורך — ווען אַ איד ווערט טמא מת און דאַרף האָבן די טהרה באפרה — נאָר דער אפר הפרה דאַרף זיין מלכתחילה גרייט פאַר יעדן וואָס וועט עס דאַרפן, אַז צו יעדער צייט וואָס אַ איד וועט זיך נויטיקן אין דער טהרה זאָל ער באַלד קענען זיך מטהר זיין מיטן אפר הפרה.

און דער רמב״ם ברענגט דערויף דעם פסוק[9] „והיתה לעדת בני ישראל למשמרת[10]״. וואָס דער פירוש הפשוט איז, אַז דער אפר הפרה דאַרף זיין גרייט, משומר, פאַר יעדן פון „עדת בני ישראל״, כל ישראל — אפשר וועט ער דאַרפן אָנקומען צו דער טהרה באפר הפרה.

דער חידוש אין דעם איז נאָך מער: אויף אַ טמא מת איז ניטאָ קיין חיוב (דאורייתא) ער זאָל זיך מטהר זיין; אפילו קודם הרגל, ווען ס׳איז דאָ דער חיוב „לטהר את עצמו ברגל[11]״, איז (נוסף לזה אַז אין דעם איז דאָ אַ שקו״ט[12] צי דאָס איז דאוריתא אָדער דרבנן, איז) דאָס חל נאָר אויף דעם וואָס איז מחוייב בעלי׳ לרגל; לאפוקי אַנדערע — לדוגמא דעם וואָס האָט ניט קיין קרקע באַ״י (אָדער דער וואָס געפינט זיך אין חו״ל) וואָס ער איז פטור פון עלי׳ לרגל (און פון קרבן פסח)[13], איז ער אויך ניט מחוייב „לטהר את עצמו ברגל״.

קומט אויס, אַז דאָס וואָס אפר הפרה דאַרף זיין „מזומן למי שיצטרך אליו לטהרת טומאת מת״ איז עס (ניט דוקא פאַר איינעם וואָס די טהרה מטומאתו איז ביי אים אַ חיוב, נאָר אויך) פאַר אַזאַ וואָס זיין טהרה איז תלוי׳ ברצונו, און ווען ער ווערט נתעורר ברצון לטהר עצמו[14] — מוז (אויך) פאַר אים זיין מזומן דער אפר הפרה, אַז ער זאָל זיך קענען מטהר זיין גלייך ווען ער וויל.

ג. דער ענין איז אויך מודגש אין לשון הרס״ג (אין זיין ספר המצות[15]), וואו ער שרייבט, אַז די מצוה פון פרה אדומה איז — „ופרה למשמרת בתדר״, אַז דער אפר הפרה דאַרף זיין גרייט בתדר (— שטענדיק).

עס זיינען דאָ אחרונים[16] וואָס ווילן מדייק זיין פון לשון הרס״ג „ופרה למשמרת בתדר״, אַז ער מיינט דערמיט (ניט דעם חלק האפר ש„היו ישראל מזין הימנו[17]״, נאָר) דעם חלק האפר וואָס „נותן בחיל[18]״. ווייל דוקא אויף דעם

בתוכן הכללי). ובחינוך מצוה שצז (שידוע שבכ״מ העתיק לשון הרמב״ם): לשרוף פרה אדומה להיות אפרה מוכן למי שיצטרך אלי׳ ומטהרה מטומאת מת. ובמנין המצות ברייש ספר היד: לעשות פרה אדומה להיות אפרה מוכן. וראה רמב״ם ספר המדע (ירושלים תשכ״ד) שם בשינויי נוסחאות.

9) חוקת יט, ט.

10) כ״ה בתרגום העליר וקאפח (שהועתקה גם תיבת „למשמרת״). וכ״ה בחינוך שם. וראה ס׳ המדע הנ״ל בש״נ (שם).

11) ר״ה שם. רמב״ם הל׳ טומאת אוכלין פט״ז ה״י.

12) ראה משנה למלך לרמב״ם שם (ושם שקו״ט בעיקר בנוגע להאזהרה דמגע נבילה כר קודם הרגל אם הוא איסור תורה או דרבנן). וראה שד״ח כללים מע׳ ח״ת כלל מז. וש״נ.

13) ראה פסחים ח, ב. תוד״ה מאלי׳ — שם ג, ב. שד״ח שם. וראה בכ״ז הרי״פ פערלא לסהמ״צ רס״ג פרשה מה (קצא, ב).

14) שהרי אין הכוונה ב„למי שיצטרך אליו לטהרת טומאת מת״, שצריך ומחוייב בטהרתו, כ״א שצריך להאפר („אליו״) בשביל טהרתו. וכדמוכח ג״כ מהגירסא (ראה תרגום העליר וקאפח) „למה שיצטרך״.

15) שם.

16) הרי״פ פערלא שם (קצ, ד).

17) לשון התוספתא — פרה ספ״ג. רמב״ם הל׳ פרה אדומה ספ״ג (וראה תוי״ט פרה ספ״ג).

18) פרה שם. רמב״ם שם.

חלק האפר (וואָס „נותן בחיל") שטייט דער לשון „והיתה לעדת בנ"י למש־מרת" (ווי לשון הרס"ג „ופרה למש־מרת") — ווי חז"ל[19] לערנען אָפּ פון דעם, אַז מען דאַרף באַהאַלטן אַ טייל פון דעם אפר פון יעדער פרה „למשמרת" אין „חיל".

— וואָס לפי"ז קומט אויס, אַז מצות פרה אדומה בכללותה איז (לפי דעת הרס"ג) אין דעם חלק האפר — דלכאורה, ווי קען מען זאָגן, אַז דער עיקר ותכלית המצוה איז (ניט אין דעם חלק האפר וואָס מ'נוצט לטהרת טמאי מתים, נאָר) אין דעם חלק האפר וואָס בלייבט באַהאַלטן „למשמרת" — זיינען זיי מסביר[20], לויט, ווי ס'איז משמע בכמה מקומות, אַז מען פלעגט נעמען פון דעם אפר וואָס איז געלעגן בחיל אויף צו מזה זיין אויף דעם כהן גדול פאַר יום הכיפורים [ועד"ז — ווען דער כהן גדול האָט שורף געווען אַ נייע פרה אדומה[21]]:

און דאָס איז עיקר מצותה (פון פרה אדומה) — ווייל ביי ישראלים און אפילו כהנים הדיוטים איז ניטאָ קיין חיוב אַז זיי (אלס אַ יחיד) מוזן זיך מטהר זיין. דוקא אַ כהן גדול, וואָס נאָר ער קען טאָן די עבודה פון יום הכיפורים, איז ער מחוייב בהזאת האפר (פאַר יוהכ"פ) כדי ער זאָל קענען טאָן די עבודה; קומט אויס, אַז הכרח מצותה פון אפר הפרה איז בחלק האפר וואָס איז ניתן בחיל — „למשמרת".

אָבער דער פירוש אין דברי הרס"ג איז — צע"ג. וואָרום נוסף אויף דעם, אַז לפי הנ"ל זיינען די ווערטער „ופרה למשמרת בתדר" בלויז אַ סימן צו וויסן מיט וועלכן חלק האפר איז מצותו מוכרחת — אָבער זיי זאָגן ניט אַרויס דעם תוכן המצוה,

וואָרום די מצוה (אפילו אין דעם חלק) איז (ניט דאָס וואָס דער אפר איז „למש־מרת בתדר", נאָר) אין דער הזי' על הכה"ג [און וואָס איז נאָר לעתים רחוקות: עטלעכע מאָל פאַר יום כיפור (— אחת בשנה), און ווען מ'מאַכט אַ נייע פרה אדומה, וואָס מימות משה רבינו איז דאָס געווען בלויז אַכט מאָל[22]],

עס איז דאָך אַ מ"ע אויף כלל הכהנים צו טאָן די עבודה בבית המקדש בכל יום ויום, און ווען דער יחיד טוט עס איז ער מקיים די מ"ע, וכהנים זריזין הן[23] און היו רצין[24] צו דער עבודה ביז צו מסנ"פ, ובמילא איז די טהרה פון פרה אדומה אַן ענין הכרחי בא זיי — הייסט פאַרוואָס זאָל עיקר המצוה פון פרה אדומה זיין אין דעם חלק האפר הניתן בחיל פון וועלכן מ'איז מזה (בלויז) אויף דעם כהן גדול?

ד. דערפאַר איז מסתבר לומר, אַז אדרבה — כוונת הרס"ג מיט „ופרה למשמרת בתדר" איז כדברי הרמב"ם הנ"ל, אַז עיקר מצות הפרה איז, אַז דער אפר הפרה זאָל שטענדיק זיין גרייט „למי שיצטרך אליו לטהרת טומאת מת" — „למשמרת בתדר"[25].

ס'איז קיין קשיא ניט פון דעם וואָס הרס"ג נוצט דעם לשון „למשמרת"

19) תוספתא ורמב"ם שם. פרש"י חוקת יט, ט.
20) הריי"פ פערלא שם (קצא, א ואילך), ושי"נ.
21) להדיעה שצ"ל בכה"ג דוקא (ראה הריי"פ פערלא שם, ושי"נ).
22) פרה פ"ג מ"ה. רמב"ם הל' פרה אדומה שם.
23) שבת כ, א. ושי"נ.
24) תמיד כח, א. משנה יומא רפ"ב (ושם כג, א).
25) ועפי"ז יומתק זה שאין הרס"ג כותב „למשמרת בחיל".





## ז.

ויהי רצון, שכיון שבימינו אלה נשלמו כל מעשינו ועבודתינו בכל פרטי הענינים דמאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים, ובאופן דשני חיי שרה שכולן שוין לטובה, כדברי כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו שכבר צחצחו את הכפתורים[1], ועומדים מוכנים[2] לקבל פני משיח צדקנו, ובפרט שלאחרי זה עברו עוד עשיריות שנים שבהם צעקו בנ"י עד מתי (וואָס דאָס דאַרף דאָך אויך האָבן אַ שיעור), תבוא תיכף ומיד הגאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

(ממאמר ויהיו חיי שרה תנש"א — ספר המאמרים מלוקט ח"ה ע' 60)

1) שיחת שמח"ת תרפ"ט.
2) ראה אגרות־קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"ד ריש ע' רעט.

עס דאַרף זיין בײַ אים „החודש" (און פסח), און ווי עס שטייט אין מדרש[54], אַז (די חוקה פון פרה אדומה איז גדולה פון חוקת הפסח, ווײַל) „אוכלי הפסח צריכין לה" — וואָס אין עבודה רוחנית מיינט דאָס[55]: אוכלי הפסח איז עבודת הצדיקים, און „אוכלי פסח צריכין לפרה כי גם הצדיקים צריכים לעשות תשובה".

אפילו אַ צדיק[56], איז דאָס וואָס ער איז אַ „יש מי שאוהב"[57], און ער האָט בחירה חפשית ביז צו טאָן ח"ו נגד רצון העליון — ווײַזט עס דאָך אַז ער איז אַ מציאות, איז ניט אינגאַנצן מיוחד מיט אלקות: קומט אויס, אַז אויך די עבודה פון אַ צדיק איז אין איר אַריינגעמישט אַ מציאות.

און דערפאַר דאַרף אויך אַ צדיק אַנקומען צו דער טהרה פון פרה אדומה, צו „מטהר" זיין זיך פון הרגש מציאותו דורך דער תנועה פון תשובה — די פאַרביטערטקייט אויף דעם וואָס ער איז אַ מציאות און איז ניט אינגאַנצן בטל צו אלקות — און דוקא דורך דער עבודת התשובה ביז לאופן אַז זי איז מבטל זיין מציאות, קען בײַ אים דערנאָך זיין „אוכלי הפסח", די עבודה אין אַן אופן פון פסח ודילוג, ביז אַז ער איז דאָס „אוכל" ונעשה „דם ובשר כבשרו"[58].

ח. דאָס איז גערעדט געוואָרן אפילו בײַ אַ צדיק. ועל אחת כמה וכמה אַז עס דאַרף זיין די עבודת התשובה פון פרה אדומה בײַ בינונים, וואָס בײַ זיי זיינען דאָ הרהורי עבירה כו'[59]. ווײַל כאָטש אַז „מיד בעלייתו לשם דוחהו בשתי ידים כו'"[59] — איז אָבער דאָס, וואָס עס פאַלן אים אַריין אַזעלכע מחשבות, איז אַ באַווייז אַז ער האָט נאָך ניט מקיים געווען די שבועה „תהי צדיק"[60], ובמילא דאַרף ער אויף דעם תשובה טאָן.

ועל אחת כמה וכמה די וואָס זיינען למטה ממדריגת בינוני — דאע"פ אַז „מדת הבינוני היא מדת כל אדם ואחרי' כל אדם ימשוך"[61], איז דאָך אָבער ידוע[62] דער הארציגער וואונש וכו' „הלואי בינוני" — דאַרף זיין די תשובה וטהרה אויף חטאים כפשוטם, כדי אַז ער זאָל דערנאָך קענען טאָן אין עבודת ה' כדבעי[63].

און דורך עבודת התשובה דפרשת פרה, קומט מען גלייך צו פרשת החודש — ד„אין מפסיקין בין פרה להחודש"[64] — ווײַל פרשת החודש איז ענינו „החודש הזה לכם", חודש הגאולה[65]; און דורך דער עבודת התשובה פון פרשת פרה ווערט „ומיד (אָן קיין הפסק) הן נגאלין"[66], „בניסן עתידין ליגאל"[67], בקרוב ממש.

(משיחות ומאמר מוצש"ק פ' פרה תשל"ח, שיחת ש"פ החודש תשכ"ד)

לקו"ש חט"ז ע' 417

---

54) שמו"ר פי"ט, ב.
55) סד"ה וידבר גו' זאת חוקת הנ"ל.
56) ראה בכ"ז לקו"ש ח"ט ע' 209 ואילך, וש"נ.
57) ראה תניא פל"ה, לז.
58) תניא פ"ה.
59) תניא ספי"ב.
60) ראה שם פי"ד.
61) שם רפי"ד.
62) בית רבי ח"ב פ"ח הערה א' (הב').
63) ראה תניא פי"ז. תשובות וביאורים (קה"ת תשל"ד) סי' ז*.
64) ירושלמי מגילה שם.
65) ראה שמו"ר פט"ו, יא. ועוד.
66) רמב"ם הל' תשובה פ"ז ה"ה.
67) דעת ר"י ר"ה יא, רע"א. וכן סתם בשמו"ר שם. וראה אוה"ת בא ע' רנט. רעא.

---

*) אגרות קודש כ"ק אדמו"ר שליט"א ח"א ע' פה ואילך. המו"ל.





(וואָס לפי דרשת חז"ל ווערט דערמיט געמיינט דער חלק האפר הניתן בחיל, כנ"ל) — ווײַל זיין כוונה אין דעם לשון איז (ניט ע"פ דרשת חז"ל הנ"ל, נאָר) לפי פשוטו של מקרא, אַז „והיתה לעדת בנ"י למשמרת" מיינט (אויך, אָדער גאָר בעיקר) דעם כללות האפר[26] וואָס מען דאַרף האַלטן גרייט „למי שיצטרך אליו",

ובפרט אַז „שיצטרך" איז דאָך אויך כולל דעם כה"ג בזמנים הנ"ל;

און ווי ס'איז מוכח פון דעם, וואָס אויך דער רמב"ם ברענגט אַ ראי' אויף דעם ענין — אַז די מצוה פון פרה אדומה איז „שיהי' אפרה מזומן" — פון דעם פסוק „והיתה לעדת בנ"י למשמרת",

ווײַל אויך דער חלק האפר וואָס „ישראל מזין הימנו" איז נכלל אין „והיתה גו' למשמרת" — „מזומן למי שיצטרך אליו".

מען דאַרף אָבער פאַרשטיין: פאַר וואָס איז טאַקע דער ענין פון אפר הפרה אַזוי נוגע, ביז אַז מען איז מדגיש, אַז עס איז ניט גענוג מען זאָל האָבן דעם אפר בשעת הצורך, נאָר ער דאַרף זיין „למשמרת בתדר" — שטענדיק גרייט — „למי שיצטרך אליו"?

ה. יעדער זאַך אין גשמיות, ווערט נמשך ונשתלשל פון ענינו ברוחניות[27].

און אַזוי אויך (ווײַל אַז, אדרבא — על אחת כו"כ) בנוגע תורה ומצות, אַז די פרטים פון יעדער מצוה בגשמיות זיינען אויסגעשטעלט לויט דעם תוכן המצוה ווי די מצוה איז ברוחניות.

ועד"ז בעניננו: דאָס וואָס מצות פרה אדומה איז באופן זה, אַז עס מוז זיין „אפרה מזומן למי שיצטרך אליו", נעמט זיך עס דערפון, וואָס די מצוה פון פרה אדומה בעבודה רוחנית איז אַן ענין וואָס פאָדערט זיך שטענדיק — עס דאַרף זיין „מזומן" לכל אחד ואחד בעבודתו ית'.

דער ביאור אין דעם:

פרה אדומה איז ענינה — תשובה[28]. טומאת מת ברוחניות מיינט[29], דאָס וואָס דורך עוונות ווערט „עוונותיכם היו מבדילים גו'"[30], און אַז ס'איז ניטאָ דער „ואתם הדבקים בה"א"[31] איז אויך ניטאָ, ר"ל, דער „חיים גו'"[31]; און פרה אדומה, דער ענין פון תשובה, איז מטהר דעם אידן און בינדט אים צוריק צו לשרשו ומקורו באלקים חיים.

[וכמאמר חז"ל[32] „תבוא פרה ותכפר על מעשה העגל" — פרה איז מטהר טומאת מת (תוצאת ענין העוונות) — וואָס (יעדערער פון זיי) נעמט זיך פון חטא העגל, וואָס איז דער ראש ושרש לכל החטאים[33] (נאָך מ"ת)].

---

26) אף שגם רש"י בפירושו עה"ת עה"פ כתב „וזה שבחיל נתון למשמרת מגזה"כ והיתה . . למשמרת" — י"ל שאינו שולל בזה ש„למשמרת" קאי גם על כללות האפר. וראה רא"ם שם. ואכ"מ.
27) וי"ל שזהו פנימיות תוכן מחז"ל (ב"ר בתחלתה. זח"ב קסא, א־ב) אסתכל באורייתא וברא עלמא. ואדרבא — ידוע מש"כ השל"ה (ראה בהקדמה סוף בית אחרון יד, א) שהתורה מדברת בעליונים ומרמזת בתחתונים.
28) אוה"ת חוקת ריש ע' תשסב. תשעד. תשפז. ס"ע תשצז ואילך. ד"ה וידבר גו' זאת חוקת (הא') תרכ"ט. ועוד. וראה לקו"ת חוקת סא, ריש ע"ד.
29) ראה אוה"ת שם ע' תשפא. לקו"ת שם ג־ד.
30) ישעי' נט, ב.
31) ואתחנן ד, ד. אדר"נ ספל"ד.
32) תנחומא חוקת ח בסופו. פרש"י שם יט, כב. וראה ע"ז כג, ב: פרה דחטאת קריי' רחמנא. וראה אגה"ק סי' כח.
33) ראה תשא לב, לד ובפרש"י שם. וראה זהר (ח"א נב, ב. ח"ב קצג, ב) דע"י חטא העגל חזרה זוהמתן.

וואס דאס איז דער ביאור אויף דעם וואס אין פרה אדומה געפינט מען צוויי קצוות/דיקע ענינים: פון איין זייט איז כל עשייתה בחוץ דוקא, חוץ לשלש מחנות[34], ניט ווי קרבנות וואס זייער מקום מוז זיין דוקא אין „פנים"; ולאידך, דארף די הזאה זיין דוקא „נוכח פני אהל מועד"[35] „מתכוון ורואה פתחו של היכל בשעת הזאת הדם"[35] — ווארום אין תשובה זיינען צוויי קצוות עד"ז:

דער אויפטו פון תשובה איז צו מכפר און מברר זיין דעם „חוץ" (דאס וואס איז חוץ לכל המחנות — לקדושה), זי איז מכפר ומטהר (אויך) זדונות, וואס זיינען פון ג׳ קליפות הטמאות לגמרי (ניט ווי סתם קרבנות וואס זיינען מכפר בלויז אויף שגגות)[36]; און דער כח צו קענען מכפר זיין אויף זדונות (חוץ לכל המחנות) נעמט זיך פון א מקום עליון („פנים") ביותר[37] —

דוקא הקב"ה (שלמעלה מתורה) זאגט דעם ענטפער ועצה וציווי „יעשה תשובה ויתכפר לו"[38] (משא"כ תורה מצ"ע ומדרגתה איז די עצה „יביא אשם" וואס איז מכפר אויף שגגות[39]).

ו. קען מען מיינען, אז דער ענין אין תשובה איז דוקא פאר איינעם וואס כבר חטא ופגם ועבר את הדרך; נאר ער דארף אנקומען צו פרה הנעשית בחוץ. אבער ווען א איד פירט זיך אין אן אופן פון „עשה האלקים את האדם ישר"[40] — בדרך הישר, עבודת הצדיקים — וואס פאר א שייכות האט ער צו פרה אדומה?

אמת טאקע, אז אויך ער דארף אנקומען צו תשובה, ווי דער אלטער רבי איז מבאר בכמה מקומות[41], אז תשובה איז ניט דוקא אויף עבירות און אז אפילו א צדיק דארף טאן תשובה — דאס איז אבער (ניט קיין תשובה אויף חטאים כו׳) נאר עבודת התשובה פון „והרוח תשוב אל האלקים אשר נתנה"[42] — זיך אומקערן לשרשו ומקורו ביז „אל האלקים אשר נתנה". אבער וואס פאר א שייכות האט ער צו דער תשובה פון פרה אדומה, „מחוץ לשלש מחנות" — ער געפינט זיך דאך אין „פנים"!

זאגט מען דערויף, אז די מצוה פון פרה אדומה איז — „שיהי׳ אפרה מזומן למי שיצטרך אליו", עס דארף ליגן „למשמרת בתדר". מען דארף אלעמאל האבן בײַ זיך אויך די תנועת התשובה פון פרה אדומה — „למשמרת בתדר" — ווייל (בפשוטו של ענין) „אל[43] תאמין בעצמך" מען קען קיינמאל ניט זיין זיכער מיט זיך.

ובפרט לויט דעם כלל, אז „אין[44] צדיק בארץ אשר יעשה טוב ולא יחטא", עכ"פ „חטא" מלשון חסרון[45] — עס פעלט, ער האט ניט געטאן זיין עבודה כדבעי

34) חוקת יט, ג ובפרש"י (מיומא סח, א).

35) חוקת שם, ד ובפרש"י (מספרי עה"פ).

36) ראה אגה"ק שם. דרך מצותיך קיא, א־ב (וראה ציונים והערות שם).

37) ראה דרמ"צ שם: ענינה כמו הקרבנות הנעשים בפנים ואדרבה נעלית מהם ביותר. וראה לקו"ת חוקת נט, ד ואילך.

38) ילק"ש תהלים מזמור כה (רמז תשב). וראה ירושלמי מכות פ"ב ה"ו.

39) ובאשם גזילות כו׳ — הקרבן צ"ל עם (ובהקדמת שב מידיעתו — שבועות כו, ב. וש"נ) התשובה. התשובה עושה ממזיד שוגג ואז מכפר הקרבן (אוה"ת יו"כ ס"ע א׳תקנז ואילך. דרמ"צ וציונים והערות הנ"ל. וראה לקו"ש ח"ד ע׳ 1152 בהערה. חי"ג ע׳ 76 ואילך. ועוד).

40) קהלת ז, כט.

41) לקו"ת ר"ה ס, ד ואילך. ש"ש סו, ג. ר"פ האזינו. ועוד.

42) קהלת יב, ז.

43) אבות פ"ב מ"ד.

44) קהלת ז, כ.

45) לקו"ת מטות פב, א. ד"ה ע"כ יאמרו תרצ"א (בסה"מ קונטרסים ח"א) פ"א. ובכ"מ.





למיעבד[46] אדער עכ"פ ניט בשלימות — ובמילא דארף ער תשובה טאן אויף דעם חסרון בעבודתו.

און אפילו ווען בײַ אים איז אינגאנצן ניטא קיין חטא, און דאס וואס דער ענין המיתה קען אויף אים האבן א שליטה, איז עס נאר „בעטיו של נחש"[47]

— וכידוע פי׳ האריז"ל[48] אויפן פסוק[49] „ותלית אותו על עץ", אז ווען איינער (א צדיק) האט ניט קיין חטא (וואס דאס איז גורם מיתה) איז „ותלית אותו על עץ": דארף מען בײַ אים תולה זיין דעם ענין המיתה אויפן חטא עץ הדעת, וואס האט געבראכט מיתה בעולם —

איז דאך דאס גופא, וואס דער חטא עץ הדעת האט אויף אים א ווירקונג, א ראי׳ אז צו אים האט א שייכות „עטיו של נחש"[50] —

דארף בײַ אים זיין דער ענין התשובה אויף דעם. וי"ל אז ווען ער באווארנט ניט דעם „עטיו של נחש" שבו, איז רעכט אז ער זאל דערנאך ווערן א יורד ממדריגתו ר"ל.

ועל אחת כו"כ ווען ער איז זיך מתבונן אין דעם מאמר חז"ל[51] „כל דור שאינו (ביהמ"ק) נבנה בימיו מעלין עליו כאילו הוא החריבו", און למעליותא — עס איז דאך א פסק דין[52] אז א יחיד וואס „עשה מצוה אחת, הרי הכריע את עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות וגרם לו ולהם תשועה והצלה" —

און וויבאלד אז ער זעט אז מען געפינט זיך נאך אין גלות, ובפרט אין דעם גלות חשך כפול ומכופל בעקבתא דמשיחא (א „חוץ" שאין חוצה הימנו), ועדיין לא נושענו — און עס קען דאך זיין אז דאס איז תלוי אין זיין עבודה, כנ"ל[53], און כל זמן עס קומט ניט די גאולה איז ר"ל „כאילו הוא (הדור שהוא יכול „להכריע" אותו) החריבו" — רופט דאס בײַ אים ארויס תשובה כפשוטה און אין דעם שטארקסטן אופן.

ז. קען מען נאך אלץ מיינען: אמת טאקע אז די תנועה פון תשובה דארף בײַ אים זיין גרייט — „למשמרת בתדר" — אבער זייענדיק אן איש ישר הולך, איז געגוג אז דאס זאל בײַ אים זיין נאר ווי אן ענין נוסף בעבודתו.

ווארום ער מצד עצמו האט ניט קיין שייכות כלל צו ענינים פון „חוץ לשלש מחנות". און דאס וואס אויך ער דארף האבן די תשובה פון פרה אדומה איז (דאך דאס ניט א זאך וואס ער האט גורם געווען, נאר) מצד „עטיו של נחש", וואס איז ניט תלוי ברצונו ובבחירתו. ווערט ער דאס טאקע באווארענען דורך תשובה טאן אויף דעם — אבער ניט מאכן דערפון א יסוד בעבודתו — ער מצד עצמו שטייט העכער פון דעם!

זאגט מען אויף דעם, אז פרשת פרה איז — „טהרתן של כל ישראל", יעדער איד דארף אנקומען צו דער טהרה פון פרה אדומה; און נאכמער — דאס איז דער יסוד פון כללות עבודתו, ווארום

46) כתובות סז, רע"א.

47) שבת נה, ב. ב"ב יז, א.

48) נחל קדומים עה"פ (תצא כא, כב). של"ה שפד, ב. וראה לקו"ש ח"ז ע׳ 167 ואילך, וש"נ.

49) תצא שם.

50) ראה תו"א ס"פ משפטים: והוא ענין . . ד׳ מתו בעטיו של נחש שאע"פ שהם צדיקים גמורים מ"מ נשאר בם עדיין איזה שמץ מזוהמת הנחש . . שרואה א"ע ומכיר חסרונו או יודע שזה טוב לו. וראה לקמן בפנים סעיף ז והערה 56. — וראה לקו"ש חכ"ד ע׳ 134.

51) ירושלמי יומא פ"א ה"א. מדרש תהלים קלז, ז (ומסיים שם: מאי טעמא לפי שלא עשה תשובה).

52) רמב"ם הל׳ תשובה פ"ג ה"ד. מקידושין מ, ב.

53) להעיר מבונה ירושלים ספ"ד מתיקונים, שאם הי׳ צדיק אחד חוזר בתשובה שלימה בדורו הי׳ בא משיח.